**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט לעגיסלעטיווע דורכגאנג פון פאלק-פירנדע בילס צו באקעמפן אדיקטיווע סאשעל מידיע פידס און אפהיטן קינדער אנליין

***פארזיכערט פאר קינדער אקט וועט איינצוימען צוטריט צו אדיקטיווע אנאליז פידס, קינדער דאטא באשיצונג אקט וועט האלטן פערזענליכע דאטא פארזיכערט***

***גאווערנער קעטי האקול פארט זיך צאם מיט שולערס, עלטערן, און אויסגעוועלטע פירער צו שטופן טראנספארמאטיווע לעגיסלאציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די לעגיסלעטיווע דורכגאנג פון צוויי פאלק-פירנדע בילס אפצוהיטן קינדער אנליין. די סטאפ אדיקטיוו פידס עקספלויטעישאן ( Stop Addictive Feeds Exploitation, SAFE) פאר קידס אקט וועט איינצוימען א קינד'ס צוטריט צו די אדיקטיוו אייגנשאפטן פון סאושעל מעדיא און די ניו יארק טשיילד דאטע פראטעקשאן אקט וועט האלטן קינדער'ס פערזענליכע דאטא פארזיכערט.

"ניו יארק פירט דעם פאלק אפצוהיטן אונזערע קינדער פון אדיקטיווע סאשעל מידיע אייגנשאפטן און היט אפ זייער פערזענליכע דאטא פון קאמפעניס וואס זיכן עס צו בארויבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צוזאמען, האבן מיר גענומען א היסטארישן טריט פאראויס אין אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן די יונגען מענטל געזונטהייט קריזיס און שאפן א מער פארזיכערטע דידשיטל סביבה פאר אינגע מענטשן. איך בין דאנקבאר צו אטורני גענעראל דשעימס, מערהייט פירער סטאווערט-קוזינס און רעדנער היסטי, און ביל שטיצערס סענעטער גאונערדס און אסעמבלי מיטגליד ראזיק פאר זייער וויכטיגע מיטארבעטונג אין ברענגען נענטער די טראנספארמאטיווע לעגיסלאציע."

די פארזיכערט פאר קינדער אקט (SAFE) וועט פאדערן סאושעל-מידיע קאמפעניס צו באגרעניצן די אדיקטיווע אייגענשאפטן אויף זייער פלאטפארמעס פאר באנוצער אונטער 18 יאר אלט. סיידן עלטערן'ס צושטימונג ווערט געגעבן, וועלן באנוצער אונטער 18 יאר אלט נישט באקומען קיין אדיקטיווע פידס. באניצער קענען אויך זוכן ספעציפישע טעמעס וואס אינטערעסירט זיי. עס וועט אויך פארבאטן סאשעל מידיע פלאטפארמעס ארויסצושיקן נאטיפיקאציעס איבער אדיקטיווע פידס צו יונגען פון 12:00 AM ביז 6:00 PM אן עלטערן'ס הסכמה. די לאגילאציע וועט ערלויבן די אפיס פון די אטורני גענעראל ( Office of the Attorney General, OAG) צו ברענגען שריט צו פארבאטן פארלעצונגען פון די נייע געזעץ ווי אויך זוכן ציווילע געלט-שטראפן פון מערסטנס $5,000 פאר יעדע פארלעצונג, צווישן אנדערע באהאנדלונגען. און צום לעצט, דאס רופט פאר פאר די פעסטשטעלונג פון אנערקענטע יארגאנג באשטעטיגונג און עלטערן'ס הסכמה מעטאדן, צו ווערן באשטעטיגט דורך די OAG אלס טייל פון זייער געזעצמאכונג פראצעדור איינמאל די לעגיסלאציע גייט אריין אין שוואונג.

די ניו יארק קינדער דאטא אקט וועט באגרעניצן אנליין זייטלעך פון זאמלען, נוצן, אויסטיילן אדער פארקויפן פערזענליכע דאטא פון סיי וועם אינטער די יארגאנג פון 18, חוץ אויב זיי באקומען אינפארמירטע הסכמה אדער חוץ אויב אזוי טון איז וויכטיג נאר פאר די תכלית פון די וועבזייטל. עס וועט אויך ערלויבן די OAG צו אינפארסירן די געזעץ און פארבאטן און אויסזוכן שאדנס אדער ציווילע געלט-שטראפן פון מערסטנס $5,000 פאר יעדע פארלעצונג.

**ניו יארק סטעיט אטורני גענעראל לעטיטיע דשעימס האט געזאגט,** "אונזערע קינדער גייען דורך א מענטל געזונטהייט קריזיס, און סאציאלע מידיע צינדט אונטער די פייער און מאכט געלט פון די עפעדעמיע. די לאגיסלאציע וואס מיינע מיטגלידער האבן געארבעט אויף און געשטיצט, צוזאמען מיט ביל שטיצערס סענעטער גאונארדס און אסעמבלי מיטגליד ראזיק וועט העלפן אדרעסירן די אדיקטיווע אייגנשאפטן וואס האבן געמאכט סאשעל מידיע אזוי צודרייט און ברענגט אזויפיל אנגסט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול, סענעט מערהייט פירער סטאווערט-קוזינס, אסעמבלי רעדנער היסטי, און די לעגיסלעטיווע מערהייטן פאר'ן שטיצן די לעגיסלאציע און פאר'ן צושטימען אז אפהיטן קינדער'ס מענטל געזונטהייט מוז זיין פון העכסטן פריאריטעט. ניו יארק סטעיט פירט נאכאמאל די פאלק, און איך האף אז אנדערע סטעיטס וועלן אונז נאכפאלגן און אריבערפירן לעגיסלאציע אפצוהיטן קינדער און לייגן זייער מענטל געזונטהייט העכער ווי גרויסע טעכנעלאגיע קאמפעניס'ס געלט."

**סטעיט סענעט מערהייט פירער אנדריע סטאווערט-קוזינס האט געזאגט,** "בשעת מיר ארבעטן אויס די דראונגען וואס סאשעל מידיע לייגט אויף אונזערע יונגען אין די היינטיגע כסדר-טוישנדע טעכנאלאגישע לאנדשאפט, בין איך שטאלץ אז, אונטער מיין פירערשאפט, האט די סענעט מערהייט געשאפט די סענעט'ס אינטערנעט און טעכנאלאגיע קאמיטעי צו לייגן אכט אויף די פראבלעמען. איך באדאנק גאווערנער האקול, אטורני גענעראל דשעימס און ביל שטיצערס סענעטער גאונערדס פאר זייער איבערמידליכע ארבעט אויף די לעגיסלאציע און מיטארבעטונג מיט סטעיקהאלדערס און קאלעגעס אנצוקומען צו א מסקנה וואס וועט די מערסטע שטיצן אונזער יוגנט אנצוקומען צו געזונטערע סאשעל מידיע באנוץ. צוזאמען וועלן מיר ווייטער נעמען אלע נויטיגע שריט אפצוהיטן די מענטל געזונטהייט פון אונזערע קינדער."

**אסעמבלי ספיקער קארל היסטי האט געזאגט,** "אזוי ווי טעכנאלאגיע טוישט זיך, אזוי מוזן זיך אויך בייטן די וועג וויאזוי מיר היטן אפ אונזערע קינדער פון שאדנס - סיי אנליין און סיי נישט אנליין. די בילס וועלן געבן עלטערן די געצייג צו העלפן אהיטן קינדער פון בלוטדורשטיגע פראקטעצירונגען וואס לאזן אן השפעה אויף זייער מענטל געזונטהייט דורך עלימינירן די אדיקטיווע פערזענליכע פיסד און וועט מאכן אנליין פריוואטקייט די געווענליכע פאר ניו יארק'ס קינדער, אפהאלטנדיג קאמפעניס פון צאמנעמען און נוצן זייער דאטא. א דאנק צו אונזער אסעמבלי שטיצער נילי ראזיק און צו גאווערנער קעטי האקול, אטארני גענעראל לעטיטיע דשעימס און אונזערע מיטארבעטער אין די סענעט פאר אלע ארבעט וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין מאכן אנליין פלעצער מער פארזיכערט פאר קינדער."

**סטעיט סענעטער אנדרו גאונדעריס האט געזאגט,** "ניו יארק שיקט א קלארן רמז פאר "ביג טעק": אייער געלט איז נישט וויכטיגער ווי אונזערע קינדער'ס פריוואטקייט און געזונטהייט. אלץ טאטע פון צוויי יונגע קינדער, איז די געווינס א פערזענליכע, און איך בין ספעציעל דאנקבאר צו די יונגע מענטשן, עלטערן, לערערס און ארגאניזירער לעגגאויס די סטעיט וואס האבן זיך געקריגט קעגן די אינדוסטריע'ס פאליטישע רופן און ליגנטס, און פארלאנגט א מער פארזיכערטע דידשיטל וועלט. די היינטיגע טאג וואלט נישט געווען מעגליך אן די אויסערגעווענליכע מיטארבעטונג פון גאווערנער האקול, אטארני גענעראל דשעימס, אסעמבלי מיטגליד ראזיק און לעגיסלעטיווע פירערשאפט. דאס איז נישט נאר א געווינס פאר ניו יארק'ס קינדער - אונזערע נייע געזעצן ווייזן די וועג פאר די איבריגע פונעם לאנד נאכצופאלגן. מיר זענען בייגעקומען "ביג טעק", און איר קענט אויך."

**אסעמבלי מיטגליד נילי ראזיק האט געזאגט,** "איבער צוויי-צענדליגע יארן נאך קינדער אנליין פריוואטקייט געזעצן איז לעצט געווארן אפדעיטעד, זענען די דורכפירונג פון די בילס א צייכן אז ניו יארק נעמט די פירערשאפט אין לייגן ניו יארק'ס זיכערהייט און פריוואטקייט אלס די ערשטע.  מיר נעמען באשטומטע שריט צו באשיצן אונזערע קינדער פון די שענדליכע איינפלוסן פון אדיקטיוו אלגאריטמעס און אומאיבערגעקוקטע דאטע זאמלונג, דורך אריבערפירן די SAFE פאר קינדער אקט און די NY קינדער דאטע אפהיטונג אקט. איך דאנק גאווערנער האקול, אטורני דזשענעראל דזשעימס, און סענאטאר גאונארדעס פאר זייער פעסטע מיטארבעטונג באמיאונגען כדי צו באשיצן די יוגנטליכע אין די דיגיטאלישע עפאכע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן